# עדגאַר אַלאַן פּאָ

עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ דיכטער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס זאָל ווירקן מיט זיין שאַפן אַזוי גע־שפּענסטהאַפט, אַזוי לעגענדאַריש, אַזוי אומהיימלעך־פאַרבאָרגן, ווי עדגאַר אַלאַן פּאָ.

און נישט נאָר זיין שאַפן. אויך זיין לעבן שטייט עפּעס ווי הינטער אַ שלייער, האָט אין זיך אַ סך לעגענדאַרישעס. אַזוי, אַז נישט נאָר מיר, קינדער פון היינטיקן דור, ווייסן נישט גענוי, וואָס מיט אים איז ווירקלעך פאָרגעקומען, נאָר אויך די מענטשן פון זיין צייט האָבן נישט געהאַט וועגן אים קיין פּינקטלעכע ידיעות, און אַ שטיק פון זיין לעבן איז דעריבער געבליבן פאַר זיי אַ סוד.

לאָמיר נעמען צום ביישפּיל אַזאַ פאַקט. דער גרויסער ענגלישער דיכטער לאָרד בייראָן האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן די עוולות, וואָס זיינען געטאָן געוואָרן דעם גריכישן פאָלק. אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק איז געוואָרן פאַרפּייניקט, אונטערדריקט, דערשלאָגן, פאַר־שקלאַפט. און בייראָן האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז דעם דאָזיקן פאָלק העלפן זיך באַפרייען. און דער דיכטער איז געוואָרן אַ גרויסער קעמ־פער, אַ קעמפער פאַר אַ פרעמד אונטערדריקט פאָלק. דער העלד פון דער פעדער איז געוואָרן דער העלד פון שווערד, כדי מיט איר אויס־צולייזן געפּיינקטע, עקספּלואַטירטע, פאַרשקלאַפטע.

די דאָזיקע גערעכטע, שיינע טאַט, דער דאָזיקער שטאַרקער אי־דעאַליזם פון לאָרד בייראָן האָט דעמאָלט אַרויסגערופן באַגייסטערונג צווישן דער יוגנט פון אייראָפּע און אַמעריקע. אַ סך יונגעלייט האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע היימען, פאַרלאָזט טאַטע־מאַמע און געלאָפן נאָכטאָן דעם מוסטער פון דעם באַרימטן ענגלישן פּאָעט.

דער אַלגעמיינער ענטוזיאַזם האָט אויך געווירקט אויף עדגאַר אַלאַן פּאָ. אין יאָר 1827 פאָרט ער אַוועק פון אַמעריקע און קומט צוריק ערשט אין 1829. דאָ הייבט זיך אָן דאָס משונהדיקע.

וואו איז געווען פּאָ אין משך פון די צוויי יאָר? צי האָט ער אויך געקעמפט? צי איז ער בכלל געווען אין גריכנלאַנד? זיינע ביאָגראַפן דערציילן וועגן אים פאַרשידענע זאַכן. אָבער וועגן די דערמאָנטע צוויי יאָר שווייגן זיי אַלע. קיינער פון זיי ווייסט נישט צו זאָגן עפּעס גע־נויס, קלאָרס.

און נאָך אַ ביישפּיל וויל איך דאָ ברענגען. און דאָס, וואָס איך וויל דאָ זאָגן, בעט איך די לייענער צו לייענען אויפמערקזאַם. איך האַלט דאָס פאַר זייער וויכטיק.

אין דער לעזער־וועלט און אין די ליטעראַטור־קרייזן הערשט אַ מיינונג, אַז עדגאַר פּאָ איז געווען מאָראַליש „נישט מיט אַלעמען", אַז זיין פיזישן צושטאַנד האָט ער אַליין אונטערגעבראָכן דורך צופיל רויכערן, אַז ער איז געווען אַ גרויסער שכור, אַז"וו.

צי איז דאָס אמת? גיכער זעט דאָס אויס צו זיין איינס פון די שפּיצלעך, וואָס פּאָען האָט אָפּגעטאָן דער גורל, וועלכער האָט אים שטענדיק פאַרפאָלגט.

און אַ טשיקאַווע מעשה. אָט דער דיכטער, וועלכער האָט אין זיינע נאָוועלן אַזוי טיף געקענט, אַזוי אַריינשניידנדיק טיף געקענט אַלע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער נשמה; אָט דער באַרימטער שריי־בער, וועלכער האָט געזען אַלע פאַרבאָרגנסטע שוואַרצע ווינקעלעך, אַלע פאַרברעכערישע נייגונגען, וואָס זיינען פאַראַן אין דעם מענטשן, — דווקא ער האָט זיך לייכט געלאָזט אָפּנאַרן. דווקא ער איז געווען אין

דעם אומגאַנג מיט מענטשן נאַאיוו, תמעוואַטע, לייכטגלויביק. ער האָט אַלעמען געטרויט. אַפילו זיינע פאַרביסענע שונאים האָט ער געטרויט. און עדגאַר פּאָ האָט פאַר זיין תמימות טייער באַצאָלט. זיין גאַנץ לעבן געצאָלט. און אַפילו נאָך זיין טויט אויך.

וואָרעם ווער, מיינט איר, האָט פּאָ געמאַכט פאַר דעם באַפולמעכטיקטן פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער ירושה? שטעלט זיך פאָר, אַז זיין גאַנצן צוטרוי האָט ער אויסגעשאָנקען איינעם אַ שרייבער גריסוואָלד, אַ מענטש, וועלכער האָט, צוליב ליטעראַרישע און פּערזענלעכע סיבות, געהאַט צו פּאָען אַ פאַרעקשנטע, ברוטאַלע און גרויזאַמע שנאה.

אָט דער פאַרטרויאונגס־מאַן, אָט דער באַפולמעכטיקטער „גוטער פריינט", ער טאַקע, האָט עס דער ערשטער דערציילט דער וועלט וועגן דער „אוממאָראַלישקייט", „פאַרדאָרבנקייט" און „זיטנלאָזיקייט" פון עדגאַר פּאָ.

צווישן דער אָזויגערופענער געזעלשאַפט, וואָס האָט ליב קיצלדיקס און קוויקט זיך מיט אַלץ, וואָס שמעקט מיט פּיקאַנטס, מיט רכילות, האָט גריסוואָלדס מיינונג געפונען אַ סך אַנהענגער.

עס האָט אַפילו נישט פיל געהאָלפן, וואָס די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע איז אין יענער צייט אַרויסגעטראָטן מיט אַ שטורעם קעגן דעם שמוציקן פּאַמפלעטיסט. עס האָט אַפילו נישט געווירקט, וואָס עדגאַר פּאָס גלענצנדער ביאָגראַף א י נ ג ר א ם האָט אין זיין הקדמה צו פּאָס ווערק אומגעוואָרפן און צעשמעטערט אַלע באַשולדיקונגען קעגן פּאָען, איז נאָכגעגאַנגען גריסוואָלדן וואָרט נאָך וואָרט און אויפגעוויזן ווי פאַלש ער איז, ווי טענדענציעז און אומגעלומפּערט ער איז. מיט דעם נחת־רוח פון אַלטע ציניקער, ווען זיי ריידן שמוציקע רייד, האָט זיך אונדזער צעפוילטע געזעלשאַפט געקלאַמערט אָן די פּליאָטקעס, וואָס זי האָט איינמאָל געהערט וועגן דעם אידל־גייסטיקן, שאַרף־קלוגן, טראַגיש־איינזאַמען עדגאַר אַלאַן פּאָ.

יאָ, דורך אינגראַמען ווערט פּאָ ריין און געלייטערט און בלייבט

שטיין שיין, לויטער אין זיין הויכקייט, און דערהויבן אין זיין טראַ־גיזם, אָן שום פלעק און אָן שום שולד.

און דאָך — דאָך איז נאָך נישט אַלץ אינגאַנצן אויפגעקלערט. צום ביישפיל, די געשיכטע מיט פאַס אַלקאָהאָל־געברויך איז נאָך פאַרט נישט אין אָרדנונג. לייענען מיר דאָך ביי פאַען גופא, ווי ער זאָגט וועגן זיך:

„אמת, אַז ציַיטנווייז פאַרשיכור איך זיך מיט אַלקאָהאָל ביז משוגעת, אָבער איך שפיר נישט אין דעם קיין שום געַנוס". און וויַיטער: „נישט נאָך געַנוס יאָג איך זיך אין יענע מאָמענטן, ווען איך שטעל אין גע־פאַר מיין לעבן, מיין רום, מיין פאַרשטאַנד. דאָס איז שטענדיק געווען ביי מיר אַ פאַרצווייפלטער פרואוו צו אַנטלויפן פאַר די דערינערונגען פון ביטערקייט, פון אומגערעכטיקייט, פון געמיינקייט. איך האָב גע־וואָלט אַנטלויפן פאַר דער שרעקלעכער איינזאַמקייט און פאַר דעם געפיל פון פחד, וועלכער האָט געוויזן מיין נשמה עפעס אַן אומבאַשטימט, אַ נאָענט אומגליק". אַזוי האָט געשריבן עדגאַר פּאָ פאַרן טויט צו זיינעם אַ פריינט.

הייסט עס אַלזאָ, אַז דער סם פון אַלקאָהאָל איז יאָ געווען, אין אַ גרויסער מאָס געווען, אַפילו „ביז משוגעת", אַזוי, אַז „דאָס לעבן, דער רום, דער פאַרשטאַנד" זיינען געשטעלט געוואָרן אין געפאַר... טאָ ווי־זשע דאַרף מען באַנעמען און משפטן אַט דעם אויסטערלישן מענטש? ווער פון זיינע אָפּשאַצער זאָגט אינגאַנצן ליגן און ווער — אינגאַנצן אמת? אָדער אפשר איז יעדערער פון זיי אי גערעכט, אי אומגערעכט?...

שווער, זייער שווער אַלזייטיק צו באַגרייפן דעמדאָזיקן קאָמפּלי־צירטן קינסטלער, וועלכער האָט מערקווירדיק געלעבט, האָט מערק־ווירדיק געשריבן און איז מערקווירדיק געשטאָרבן.

שוין דער אָנהייב פון זיין באַקאַנט ווערן דער עפנטלעכקייט איז געווען איבערראַשנדיק אָריגינעל, שוין בעת זיין ליטעראַרישן דעביוט האָט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס קען טרעפן איינמאָל אין הונדערטער יאָרן און אפשר נאָך מער...

אין יאָר 1833 האָט איינע פון די באַלטימאָרער צייטשריפטן פאַר־עפנטלעכט אַ קאָנקורס און באַשטימט צוויי פּריזן: איינעם פאַר דער בעסטער נאָוועלע און איינע פאַר דער בעסטער פּאָעמע. ווי געוויינלעך ביי אַזעלכע פאַלן זיינען אָנגעקומען אין רעדאַקציע גאַנצע מחנות מיט ווערק. צווישן זיי האָבן זיך געפונען צוויי מאַנוסקריפּטן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זייער אויסערגעוויינלעך קלאָרער און שיינער האַנטשריפט. און טאַקע דעם מחבר פון די דאָזיקע צוויי זאַכן האָט דער קאָמיטעט צוגעטיילטביידע פּריזן, פאַר אַ פּאָעמע און פאַר אַ נאָוועלע. דער מחבר איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי עדגאַר אַלאַן פּאָ. אַ נאָמען, וועלכן דער קאָנקורס־קאָמיטעט האָט באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל... איר פאַרשטייט? צוויי אויסצייכענונגען מיט איין מאָל פאַר צוויי אַרבעטן, וועלכע זיינען אין זייער קינסטלערישן ושאַנר זייער וייט איינער פון אַנדערן. און דאָס פּאַסירט מיט אַן אָנפאַנגער. איך מיין, אַז די געשיכטע פון ליטעראַרישע קאָנקורסן קען נישט נאָך אַזאַ ענלעכן פאַל.

און נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס שפּעטער איז געשען. דער קאָמיטעט האָט נישט געוואוסט ווער דאָס איז. אָבער די פּראַכטפולע אייגנאַרט, די וואונדערלעכע קראַפט און די ווילדע פאַנ־טאַזיע פון די ווערק האָט אַזוי דערשטוינט און פאַרבלעפט די מיט־גלידער פון קאָמיטעט, אַז זיי האָבן געגאַרט זיך צו באַקענען מיט דעם אויטאָר. און איינער פון זיי, מיסטער קענעדי, האָט געשיקט צו פּאָען אַן איינלאַדונג, אויף וועלכער ער האָט דערהאַלטן פאָלגנדיקע תשובה:

„אייער איינלאַדונג האָט מיר פאַרשאַפט שטאַרק עגמת־נפש. איך קאָן נישט קומען אויף מיטאָג צוליב דערנידעריקנדיקע סיבות — צו־ליב מיין אויסזען. איר שטעלט זיך מסתמא פאָר, מיט וואָס פאַר אַ פּריקרעקייט איך בין זיך דערצו מודה, אָבער די אומשטענדן צווינגען מיך דערצו".

מיסטער קענעדי האָט שוין נישט געוואַרט. מיט דעם גרעסטן אימפּעט און איילעניש האָט ער אויפגעזוכט דעם יונגן דיכטער, וועל־

כער האָט געלעבט אין שרעקלעכער נויט און געליטן בוכשטעבלעך הונגער.

אָט אַזוי עלנט און פאַריתומט, מיט אַזוי פיל טרויער און אַזוי פיל איינגאַרטיקייט האָט עדגאַר אַלאַן פאָ געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. און די אַלע איגנשאַפטן: זיין אָריגינאַליטעט, זיין נישט־דרייסטקייט, זיין פּחד פאַר מענטשן און פאַרן לעבן האָבן ווייטער אַלץ מער זיך אַנטוויקלט, פאַראַנדערגעבליט, געשטייגערט אין רייצנדיקע פאָרמען און אויסגעוואַקסן אין זיינע ווערק.

נאָר וועגן דעם דאַרף מען שרייבן באַזונדער.

* * *

„שרעק און שוידער"

איינזאַם געלעבט האָט עדגאַר פאָ, אין נויט געלעבט, אָן אמתע אויפריכטיקע פריינט. קיינמאָל גרויסע פרייד, קיינמאָל גרויסע טרייסט. און אַז מען האָט נישט אַרום זיך קיין וואַרעמע און ליכטיקע אַט־מאָספער, ווערט גראָ, שוואַרץ, קאַלט, פינצטער... די גאַסן, די שטעט, די וועלט ווערט חושכדיקע טאָלן, וואו מ'איז אַזוי איינזאַם, וואו ס'איז קיין פרייד נישטאָ, וואו אַנשטאָט אַרבעט, קאַמף און גליק איז פאַראַן גרויל, געשפּענסטיקייט און שרעק.

שרעק און שוידער קוקט אַרויס פון אַלע עדגאַר פּאָס דיכטונגען. פון וואַנען נעמט זיך דערדאָזיקער פּחד? פאַרוואָס שרעקן זיך די העלדן און העלדינס אין די ווערק פון פּאָען? אויף אָט דער פראַגע וועל איך ענטפערן, אַז די פערסאָנאַזשן פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן ענגלישן פּאָעט האָבן צרות צוליב אַזאַ מין מורא, פון וועלכער זיי וועלן קיינמאָל נישט באַפרייט ווערן. עס איז אַ מורא, פון וועלכער איר קאָנט די מענטשן נישט אַרויסראַטעווען, ווייל איר ווייסט נישט, וואו זי געפינט זיך. און אין דער אמתן געפינט זי זיך נישט אין ערגעץ אַחוץ... אין די הערצער פון די מענטשן גופא. זי איז ביי זיי אָרגאַניש. זי איז אַ טייל פון זייער וועזן, זי, די מורא, איז אַ פּראָדוקט פון זייערע

יסורימדיק־אויסגעאיידלטע, דורך ליידן־פאַרשאַרפטע קרענקלעכע, צע־היצטע מוחות.

און מחמת דער פחד איז נישט קיין צופעליקער, נישט קיין אויסערלעכער, נאָר אַן אינערלעכער, דערפאַר טאַקע איז ער שטאַרק און שניידיק און כסדרדיק, און ער יאָגט־נאָך און ער פאַרפאָלגט און ער גיט קיין רו נישט, און ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ, וואוהין פון אים צו אַנטלויפן, און נישטאָ קיין מעגלעכקייט, ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן.

עס פּאַסירט, אַז מענטשן, למשל, האָבן מורא נישט פאַר גנבים, וואָס וועלן צונעמען זייער פאַרמעגן, נישט פאַר גזלנים אין וואַלד, וואָס וועלן צונעמען זייער לעבן, נישט פאַר תפיסה צוליב נישט באַגאַנגענע זינד, נישט פאַר הונגער, נישט פאַר פאַרראַט פון געליבטע — פאַר די אַלע זאַכן קאָן מען זיך נאָך ווי עס איז אָפּהיטן. אָבער מענטשן האָבן מורא פאַר זייער אייגענער איינזאַמקייט. און זיי לויפן אַרום איבער מערק און פּלעצער, און דער טאָג באַקומט זיי נישט, די נאַכט באַקומט זיי נישט, און אומרואיק זיינען זיי, ווי פאַרשאָלטענע עקזיסטירן זיי, דאָס לעבן הענגט איבער זיי ווי אַ שווערער וואָלקן, זיי קאָנען זיך מיט זיך אַליין קיין עצה נישט געבן.

טיילמאָל ווידער פּאַסירט, אַז מען שרעקט זיך נישט פאַר זיך אַליין נאָר פאַר יענעם. פונדעסטוועגן אויך דאָ איז דאָס שרעקן זיך פון באַזונדערער אַרט; אדרבא, דאָ איז עס נאָך מער עקסצענטריש. שטעלט אייך פאָר, אַז עדגאַר פּאָ זעט מענטשן, וועלכע גייען אַרום און ציטערן, טאָמער וועט זיך אַמאָל מאַכן אַ פאַל, אַז מען וועט זיי האַלטן פאַר געשטאָרבענע און מען וועט זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט. און לייענט איר אויפמערקזאַם, באַמערקט איר, אַז דער דיכטער האַלט עס גאָרנישט פאַר אַ משוגעת. ער דערציילט אייך, אַז אין אַ סך, גאָר אַ סך פּראָצענט פון טויט־פאַלן האָבן מיר צו טאָן נישט מיט קיין אמתן, נאָר מיט אַ שיינבאַרן טויט. דאָס הייסט: עס איז בלויז אַ מין חלשות

אדער אַ לעטאַרגישער שלאָף, און מיר, נישט וויסנדיק דערפון, באַגראָבן לעבעדיקע מענטשן.

און גאָר אַן אַנדערש מאָל איז די שרעק אַזאַ ווילדע, אַזאַ נישט־נאַטירלעכע, אַזאַ אויסערגעוויינלעכע, אַזאַ פינצטער־קראַנקהאַפטע, אַז עס נעמט איין פשוט גרוילן, און אַ פּראַסטיקע קעלט קליאַמערט אַרום אייער לייב. ווייל אויב עס געפינען זיך אַזעלכע אינדיווידוען, איז שוין ווירקלעך אומדערטרעגלעך צו עקזיסטירן אויף דער וועלט. ביי פּאָען זיינען פאַראַן העלדן, וועלכע עסן נישט, שלאָפן נישט, זיינען שטענדיק באַאומרואיקט, האַלטן אין איין פּלאַטערן, אין איין שוידערן. און די סיבה דערפון: זיי שרעקן זיך, ווייל זיי קלערן איבער, טאָמער וועט זיך מאַכן אַ צופאַל, אַז זיי וועלן זיך דאַרפן שרעקן.

אָט הערט ווי איינער פון זיי רעדט: „איך וועל אונטערגיין, איך מוז אונטערגיין אין דעם שרעקלעכן, אומגעהויערן וואַנזין. יאָ, נישט אַנדערש, איך וועל אונטערגיין. איך האָב מורא פאַר די קומענדיקע געשעענישן נישט אַלס אַזעלכע, נאָר איך שרעק זיך פאַר זייערע רעזולטאַטן. איך ציטער ביים געדאַנק וועגן די געוויינלעכסטע צופאַלן, וועלכע קאָנען האָבן אַ השפעה אויף דער שלעכטער שטימונג. נישט די געפאַר באַאומרואיקט מיך, נאָר דער געדאַנק וועגן איר אומפאַרמיידלעכער ווירקונג, וועגן דער שרעק. איך שפּיר, אַז אין דעמדאָזיקן קרענקלעכן צושטאַנד וועט אַמאָל אָנקומען אַ מאָמענט, ווען איך וועל משוגע ווערן און כ'וועל אונטערגיין אין קאַמף מיט דעם געשפּענסט, וועלכן מען קאָן נישט אָנכאַפּן: מיט דעם פּחד".

ווי מיר זעען, אַלזאָ, פאַרנעמט דער פּחד ביי פּאָען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ. ער האָט ליב דעמדאָזיקן סוזשעט, ער צערטלט אים, ער שפּילט אויס אויף אים, ווי אויף אַ גוטער פידל, אַלערליי מעלאָדיעס. און ווי אַ ווירטואָז שפּילט ער. פּאָ איז אַ מייסטער אין איבערגעבן די דינסטע, סובטעלסטע טענער פון דער טראַגיק, וועלכע רופט זיך מענטשלעכע פאַרבלאָנדזשעניש. מיט מערקווירדיקער געדולד, וואונדערלעך און מייסטעריש וויקלט ער פאַנאַנדער די שווערסטע קנוילן פון פּסיכישע

אומנאַרמאַלקייטן און ווייזט אונדז יעדן פּאַדעם באַזונדער, וועלכער איז פאַרשפּונען און איינגעוועבט אין די פאַרשיידענע נשמה־פּלאָנטערס. און גערעכט איז פּראָפעסאָר מאַסאָ, ווען ער זאָגט: „דער אומגליקלעכער פּאָעט עדגאַר פּאָ קאָן גילטן פאַר איינעם פון יענע, וועלכע האָבן אויס־געפאָרשט די רעזולטאַטן פון שרעק. קיינער האָט זיי נישט באַשריבן מיט אַזאַ גענויקייט, קיינער האָט זיי נישט אַזוי גוט אַנאַליזירט, קיינער האָט אונדז נישט אַזוי אויפטרייסלענדיק געוויזן יענע ווייטיקדיקע געפילן, וועלכע פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ פעלז, וועלכע צערייסן דאָס האַרץ און די נשמה מיט אַן אומבאַשרייבלעכן פּחד, אָנפילנדיק זי מיט גסיסה־שוידער".

אַ טעות וואָלט געווען צו מיינען, אַז שרעק איז דער איינציקער עלעמענט פון פּאָס שאַפן. גאַנץ אָפט איז דער פּחד אין עדגאַר פּאָס נאָוועלן נאָר די סיבה, וואָס רופט אַרויס אַלערליי פינצטערע כוחות, און דאָ עפנט זיך אַ ברייט פעלד פאַר דער אונטערזוכונג און אויספאָרשונג פון גרויזאַמע פאַרוויקלטקייטן אויפן געביט פון קרימינאַליסטיק.

אומקום, פאַרניכטונג, טויט, מערדערייען זיינען אָפטע געסט אין פּאָס ווערק. און די סיבה פון דעם אַלעם איז כמעט שטענדיק אַזוי אידל, אַזוי קוים באַמערקבאַר, אַזוי דעליקאַט, אַזוי שווער צום אָנ־כאַפּן, אַז פּאָ קאָן באמת פאַררעכנט ווערן צו די טיפסטע און דורכ־דרינגענדיקסטע פּסיכאָלאָגן אין דער ליטעראַטור. די פאַקטאָרן פון מאָרד זיינען זעלטן ברוטאַלע שנאה, אָדער געלט־גייציקייט און אַזוי ווײַ־טער. מען קאָן הרגענען אַ מענטש, נישט האָבנדיק צו אים קיין שום האַס, קיין שום רעאַלע פּרעטענזיע, נאָר סתם אַזוי זיך, עפּעס אין אים געפעלט נישט. זיינע אויגן אָדער זיינע ציין זיינען די סיבה פון שרעקלעכע פאַרברעכנס. אָט הערט אויף טשיקאַווע, ווי עס דערציילט וועגן זיך אַ העלד אין עדגאַר פּאָס נאָוועלע. נאָכן באַגאַנגענעם מאָרד קלערט דער מערדער אַליין פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן:

„ס'איז נישט געווען קיין שום גרונט איך זאָל פיינט האָבן דעם אַלטן: ער האָט מיר קיינמאָל קיין עוולה נישט געטאָן. זיין געלט האָב איך

איך נישט געדאַרפט. אָבער דאַכט זיך מיר, אַז מיך האָט געריצט זיין אויג. יאָ, דאָס אויג, זיין טיזולאַניש אויג — דאָס בלייך בלאָע, פאַר־צויגן מיט אַ בלאָנע. שטענדיק, ווען ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, האָב איך געשפּירט ווי אַ קאַלטער שוידער איז מיר דורכגעלאָפן איבערן קערפּער. אַזוי אַרום האָב איך ביסלעכווייז אויסגעאַרבעט אין מיר די איבערצייגונג, אַז איך מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון די־דאָזיקע אויגן".

דערדאָזיקער מענטש, וועלכער איז באַפאַלן פון אַ משוגעת, נעמט זיך אָבער צו זיין גרויזאַמער טאַט מיט רואיקער, קאַלטער אויסגע־רעכנטקייט. זיבן נעכט כסדר גנבעט ער זיך אַריין אין דעם שלאָף־צימער פון דעם אַלטן און האַלטנדיק אין האַנט אַ לאַמטערנע שטעלט ער אַן דאָס ליכט גלייך אויף דעם „טיזולאַנישן" אויג.

„אָבער שטענדיק איז דאָס אויג געווען צוגעמאַכט, און דערפאַר האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט אויספירן די טאַט, ווייל נישט דער אַלטער האָט מיך געריצט, נאָר זיין אויג".

די אַכטע נאַכט גייט ער ווידער אַריין מיט דער לאַמטערנע אין שלאָפצימער פון אַלטן. דער אַלטער שלאָפט נישט און שרייט: „ווער איז דאָרט?" אָבער דער מערדער בלייבט גאַנץ רואיק. פּלוצלינג דער־הערט ער אַ שטילן קרעכץ, נישט דער קרעכץ, וואָס ווערט אַרויס־גערופן דורך הונגער אָדער דורך ווייטיק, נאָר דער קרעכץ, וועלכן מען הערט ביי אַ מענטשן, וועלכער גוססט. דער אַלטער ליגט אומבאַוועג־לעך, פאַראַליזירט דורך שרעק, ווי צוגעשמידט צום געלעגער. אַזוי גייט פאַרביי אַ גאַנצע שעה. ענדלעך עפנט דער מערדער די לאַמטערנע, אַרויסלאָזנדיק פון איר ווי אַ שפּינוועבס־פאָדעם אַ דינעם, בלייכן ליכט־שטראַל, וועלכער איז געפאַלן גלייך אויף דעם ברייט־צעעפנטן טיזולאַ־נישן אויג. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט עפּעס אַן אומגעווייב־לעכער גערויש, אַ לייכטער, אַ פאַרשטיקטער, אַ שנעלער ווי דער טיק־טאַק פון אַ זייגער, וואָס איז אַרומגעוויקלט מיט וואַטע. דאָס האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ פון דעם אַלטן. וואָס אַמאָל שנעלער און שנעלער,

וואָס אַמאָל העכער און העכער. דעם מערדער כאַפּט אַרום אַ געוואַל־
טיקע מורא פאַר דער נאַכט, פאַר דער געשפּענסטהאַפטער שטילקייט;
אַ ווילדקייט באַפאַלט אים. ער עפנט ברייט די טירלעך פון דער לאַמ־
טערנע, מיט אַ געשריי וואַרפט ער זיך אויף דעם אַלטן, דערשטיקט
אים און באַהאַלט דעם בר־מינן אונטער דער פּאָדלאָגע. פיר אַזייגער
פאַרטאָג קלאַפּט אימיצער אין טיר. עס גייען אַריין דריי פּאָליציי־אַגענטן.
די שכנים האָבן געהערט שרייען און האָבן געפאָדערט אַן אויספאָר־
שונג. דער מערדער לעבט איבער אַ קרענקלעכע ווילדע פרייד ביי
דעם געדאַנק, אַז אַלע שפּורן זיינען פאַרווישט. מיט אַן איבערגע־
טריבענער, כמעט אַרויסרופנדיקער העפלעכקייט באַגריסט ער די
אַגענטן, ער פירט זיי אַרום איבערן גאַנצן הויז, דערלאַנגט זיי שטולן,
זיי זאָלן זיך זעצן אא״וו. אָבער אין אמתן איז עס אַ נערוועזע, קרענק־
לעכע אויפגעהייטערטקייט, וועלכע גרענעצט מיט קאָמפּלעטן וואַנזין. און
אָט דערהערט ער פּלוצלינג ווידער אַ משונהדיקן לייכטן גערויש, אַ
פאַרשטיקטן, אַ שנעלן ווי דער טיק־טאַק פון אַ זייגער, וואָס איז אַרומ־
געוויקלט מיט וואַטע. ער שפּאַצירט אומרואיק איבערן צימער, ער
מאַכט־אָן בכיוון אַ טומל. אָבער דער גערויש ווערט וואָס אַמאָל דייט־
לעכער, וואַקסט כסדר. די פּאָליציי־אַגענטן שמייכלען, גלייך זיי וואָלטן
געהערט, חושד געווען און געוואוסט. און דער געהיימניספולער עכאָ
רופט זיך אָפּ וואָס אַמאָל שטאַרקער, שטאַרקער... „פּאַסקודניאַקעס!“ —
האָב איך אַ געשריי געטאָן, — „באַהאַלט זיך נישט פאַר מיר. איך בין
זיך אין אַלץ מודה! — האַקט אויף די ברעטער! — דאָ! אַ דאָ! דאָס
קלאַפּט דאָך זיין האַרץ אַזוי שרעקלעך“.

אַן אַנדערש מאָל געפינט איר אין פּאָס נאָוועלן, ווי די סיבה פון
אַ קרימינעלן פאַרברעכן זיינען די ציין פון אַ מענטשן. און דער העלד
דערציילט: „ציין! אָט די ציין! זיי זיינען געווען דאָ און דאָרט, און
אומעטום. אומעטום האָב איך זיי געזען. לאַנגע, שמאָלע, אומנאַטירלעך
ווייסע!“ די ציין מאַכן אים משוגע. אַלץ אַרום אים פאַרשווינדט, נאָר
זיי, די ציין, רינגלען אים אין אומענדלעכקייט ווי אַ ים. זיי ווערן

דער אינהאַלט, דער שורש פון זיין לעבן. „איך האָב זיי געזען אין יע־דער באַלויכטונג, איך האָב זיי אויסגעשטעלט אין פאַרשידענעם סדר. איך האָב געפאָרשט, וואָס אין זיי איז פאַראַנען וואונדערלעכס. איך האָב זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אויף יעדער אייגנשאַפט זייערער. איך האָב געטראַכט וועגן זייער געבוי. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז אַפילו אַן ליפּן קאָנען זיי אָנגעמען עפּעס אַן אויסדרוק“.

עדגאַר אַלאַן פּאָ, אַט דער פּאָעט, וועלכער האָט געלעבט אַן איינ־זאַמער, אַ פאַרשטויסענער, אַן עלנטער, אַן אומגליקלעכער, ער האָט זיך עפּעס ווי נוקם געווען אַן דער געזעלשאַפט, אַ דאַנק וועלכער ער איז געווען אַן אָפּגעגאַרטער. ער האָט מיט פאַרביסנקייט, מיט אַ מאָד־נער עקשנות, אויפגעדעקט די געמיינקייטן, די באַהאַלטנסטע גע־מיינקייטן פון אונדזער „פיינער, נאָבעלער“ געזעלשאַפט. ווייל וויסן דאַרפט איר, אַז עדגאַר פּאָס העלדן זיינען נישט קיין מענטשן פון נידעריקסטע שיכטן, נישט קיין כאַמעס און אויך נישט סתם בויכ־שניידערס און בייטלשניידערס. זיינע העלדן זיינען דווקא אידעלע, זייער אידעלע, אינטעליגענטע און ראַפינירטע מענטשן. און אַט ביי די דאָזיקע „פיינע“ האָט געפונען פּאָ אַזעלכע נאַכט־שוואַרצע אינסטינקטן. און וואָס ער האָט געפונען, האָט ער נישט רעטושירט, נישט פאַרשלייערט, נאָר רויערהייט עס געוואָרפן דער געזעלשאַפט אין פּנים אַריין. און אונדזער עלעגאַנטע געזעלשאַפט האָט באַקומען איר גאַנצע דעמאָראַלי־זאַציע, איר גאַנצע קרענקלעכקייט, איר גאַנצע גאַנגרענע.

עדגאַר פּאָ, דער נישט־דרייסטער, דער איזאָלירטער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט דער אַרומיקער וועלט. עדגאַר פּאָ דער איבערגע־שראָקענער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף זיינע אַרומיקע מענטשן! ווייל ווי זיי וועלן זיך נישט פאַרפּאַנצערן, וועלן זיי דאָך נישט זיין געשיצט פון געפאַר. ווי זיכער זיי זאָלן נישט זיין, זיינען זיי פאָרט קיינמאָל נישט זיכער. די סכנה קאָן קומען גאָר פון אַזאַ אָרט, פון וואַנען מען ריכט זיך אויף איר אַמקנאַפּסטן. די אייגענע „אויגן“ קאָנען פאַר־ראַטן, די אייגענע „ציין“ קאָנען פאַרראַטן...